חייקע ברוריה וויגאַנד

## אומרואיקע פּאָעזיע

מיין פּאָעזיע
קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן.
זי דרייט זיך
פֿון איין זייט
אויף דער צווייטער
און קען זיך
קיין אָרט ניט געפֿינען. —
אומרואיקע פּאָעזיע.

עפּעס אַ מלאך
זינגט איר אַ שלאָפֿליד
און קושט איר
די שווערע מחשבות
אַראָפּ פֿון שטערן.
נאָר זיי פֿליען
אין דער הייך
און פֿאַרפּלאָנטערן זיך
מיט די שטערן.
און מיין פּאָעזיע
קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן. —
אומרואיקע פּאָעזיע.

עפּעס אַ שטראַל
גלעט איר דאָס פּנים
און פֿאַרמאַכט
די טאָוולען
פֿון איר גייסטן חיבור.
נאָר די אותיות פֿליען
אין דער הייך
און פֿאַרפּלאָנטערן זיך
מיט די שטערן.
און מיין פּאָעזיע
קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן. —
אומרואיקע פּאָעזיע.

עפּעס אַ חלום
טוליעט זיך צו איר
און זי פֿליט
אין דער הייך
און פֿאַרפּלאָנטערט זיך
מיט די שטערן.
נאָר חלום און וואָר
זענען איינס
און דאָס זעלבע.
און מיין פּאָעזיע
קען ניט אַנטשלאָפֿן ווערן. —
אומרואיקע פּאָעזיע.

# שטערנגליק

שטערנקינד,
פֿאַרפּלייצט
פֿון לבֿנה־ליכט,
אינעם טרערן־טאַנץ
פֿון דער נאַכט.

אַ פֿאַלנדיקער שטערן
פֿון גליק
פֿאַלט אַראָפּ
פֿון הימל
אויף אומזיכערן באָדן,
ווערט אַ זוימען,
אַ בלום,
אַ טרער,
פֿאַרוואַנדלט האָפֿענונג
אין אומעט,
אומעט —
אין האָפֿענונג,
הייבט זיך אויף
ווי אַ פֿויגל
אָדער ווי אַ תּפֿילה
און קערט זיך צוריק
אין הימל
ווי אַ ליד.

שטערנקינד,
פֿאַרפּלייצט
פֿון טרערן,
פֿאַוואַנדלט
פֿונעם שטערנגליק
פֿון דער נאַכט.

# טרערנליד

ווי אַ ליד
לייג איך אַריין
מיינע טרערן
אין דיין האַנט,
און עס חלומט זיך מיר,
אַז זיי וואַקסן
אין זייער גאַנצער שיינקייט
פון אומעט און גליק.

אפילו ווען מיינע טרערן
געפינען ניט דיין האַנט,
היט מיר אויף
מיין ליבשאַפט.

אפילו ווען מיינע טרערן
וואַקסן ניט אויף דיין האַנט,
צעבליען זיך ניט,
היט מיר אויף
מיין חלום.

ווי אַ ליד
לייג איך אַריין
מיינע טרערן
אין דיין האַנט.
אפשר
וועלן זיי וואַקסן
און זיך צעבליען
אין זייער גאַנצער שיינקייט
און פאַרוואַנדלען
אַל דעם אומעט
אין ליכט...

# בלויע בלום לבנה

„די לבנה לייכט אויף
ווי אַ בלויע בלום
היינט ביינאַכט״,
האָט געזאָגט דער בעל־חלומות,
ווען ער האָט געקוקט אויף דער לבנה
און אויפֿן הונט, דעם שימערירנדיקן
אין די קאָלירן פֿון אַ חלום,
און אויף דער לייטער,
וואָס האָט אָנגערירט ערגעץ
אַ הויך פֿון הימל.

„ער איז משוגע געוואָרן״,
האָבן געזאָגט די מענטשן.

זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען,
אַז דער בעל־חלומות
און דער הונט, דער שימערירנדיקער
אין די קאָלירן פֿון אַ חלום,
זענען גליקלעך,
און אַז די לייטער
האָט אָנגערירט ערגעץ
אַ הויך פֿון הימל,
ווייל די לבנה האָט געשמייכלט
ווי אַ בלויע בלום...

# דער בראשית פון מיין וועלט

לכבוד דעם סקולפּטאָר ק. בראַנקוזי (1957–1876)

לבֿנה־פּנים
פֿון אַ שלאָפֿנדיקער מוזע.
אַן אַנדערע
מיט אַ פֿויגל־נאָז
און גרויסע סאָווע־אויגן,
וואָס זענען בכּוח צו זען
אַן אַנדער מין ממשות,
אין חלום,
צי אויף דער וואָר.
אַרומגערינגלט
פֿון הענער
און טורעם־פֿאַלקן
און געלע פֿייגעלעך,
שוועבנדיק
אין חלל.

דער בראשית
פֿון מיין וועלט
איז אַ שלאָפֿנדיקע מוזע
מיט אַ לבֿנה־פּנים
און גרויסע סאָווע־אויגן,
אַ שוועבנדיקע
אין חלל,
אַרומגערינגלט
פֿון הענער
און טורעם־פֿאַלקן
און געלע פֿייגעלעך,
וואָס זענען בכּוח צו זען
אַן אַנדער מין ממשות,
אין חלום,
צי אויף דער וואָר.

# עס מאַכט ניט אויס

די בלויע בלום
וועל איך שוין מער ניט געפינען.
די בלויע פּערל
זענען שוין לאַנג צעבראָכן.
נאָר עס מאַכט ניט אויס,
ווייל דאָס בלויע פּלאַטערל פון גליק
פליגלט פונדאָסניי.

דער חברטעס רויטע רויזן
הענגען פאַרוועלקטע
פונעם שטריק מיט פּלאַטערנדיקער וועש.
די פלאַש איז שוין פאַריתומט
פונעם רויטן וויין.
נאָר עס מאַכט ניט אויס,
ווייל דער וויין און די פּאָעזיע
און די מוזיק פון דיין שטים
איז צו מיר אין בלוט אַריין.

די געלע בלום
איז שוין געבוירן און פאַרוויאַנעט.
דער גאָלדרעגן־בוים
שטייט אַ פאַרשטומטער.
נאָר עס מאַכט ניט אויס,
ווייל אַ זונענשטראַל
איז צו מיר אין האַרץ אַריין.

# אַ גרוס פונעם לאַנד פון חלומות

איך שיק דיר אַ גרוס
פונעם לאַנד
פון חלומות,
דאָס ליכט
פון די איידלשטיינער
אינעם בויך
פון יונהס וואַלפיש,
דאָס ליד
פון דער טירטלטויב
אין שיר־השירים
אָדער אפשר
אַ מלאכס אַ טרער...
איך שיק דיר אַ גרוס
פונעם לאַנד
פון חלומות.

איך שיק דיר אַ גרוס
פונעם לאַנד
פון חלומות,
אין דער פרי,
ווען דו דערוואַכסט,
ווען די מאָרגנשטערן
זינגען אינאיינעם.
דיין נשמה
איז אַ טורקוזענע,
איר ליכט
איז ווי דאָס ליכט
פון זיבן זונען,
אין דער פרי,
ווען דו דערוואַכסט.

איך שיק דיר אַ גרוס
פונעם לאַנד
פון חלומות,
אין דער פרי,
ווען דו דערוואַכסט.

## געפּלאַצט אַ סטרונע

געפּלאַצט אַ סטרונע.
זי איז ניט משוגע.
זי זעט אַ וועלט
מיט אירע גרויסע סאָווע־אויגן,
זעט אַ וועלט
מיט אָפּגרונטן,
תהומות און טיפענישן.
זי זעט שיינקייט.
זי איז ניט משוגע.

געפּלאַצט אַ סטרונע,
און אַלץ האָט זיך געביטן.
זי איז ניט משוגע.
זי זעט שיינקייט
אין אָפּגרונטן,
תהומות און טיפענישן.

זי זעט
מיט אירע גרויסע סאָווע־אויגן.
זי זעט.
זי זעט.

געפּלאַצט אַ סטרונע...

# אויף יענער זייט ממשות

אויף יענער זייט ממשות
האָט מיט מיינע נשמה־סטרונעס
זיך געשפּילט דער ווינט,
שטיל־פֿאַרטראַכט,
זאַכט
און לינד,
און האָט אָנגערירט
מיין שלאָף
מיט צוויי פֿליגלען.

אויף יענער זייט ממשות
האָט נאָך מיינע נשמה־פֿעדעם
זיך געיאָגט די לבנה,
ביינאַכטיק־צאַרט,
נאָר איינגעשפּאַרט,
מיט כוונה,
און האָט פֿאַרשריבן
אין מיין האַרצן
איר געזאַנג.

אויף יענער זייט ממשות
האָט אין מיין נשמה־ביינאַכטיקייט
זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אַ זונענשטראַל,
מאָדנע ליכטיק,
פֿאַרחלומט, געוויכטיק,
באַלעבט אַ פֿינקלענדיקן קוואַל,
און האָט געגלעט
מיינע נשמה־סטרונעס
מיט אַ שמייכל.

אויף יענער זייט ממשות...

# שבת

ס׳איז די שטילקייט אפשר
נאָכן שטורעם,
די מידקייט
נאָך אַ וואָך פון יאָגענישן,
פלאָגענישן, פלאָנטערנישן,
די געבענטשטע רו
נאָך אַ וויכער
פון צעשויבערטע כוואַליעס,
אַ הויך פון חדוה
נאָכן תוהו ובוהו.

ס׳איז די שטילקייט אפשר
פאַר אַ נייעם שטורעם,
די מידקייט
פאַר אַ נייער וואָך פון יאָגענישן,
פלאָגענישן, פלאָנטערנישן,
די געבענטשטע רו
פאַר אַ נייעם וויכער
פון צעשויבערטע כוואַליעס,
אַ הויך פון חדוה
פאַרן תוהו ובוהו.

ס׳איז די שטילקייט,
די מידקייט,
די געבענטשטע רו,
אפשר
אַ הויך פון חדוה.

שבת.